NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03579

# DI BINEN-MALKE

Carl Ewald

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קארל עוואלד.

105

# די בינען־מלכה

(אויס דער סעריע „מעשהלאך פון דער נאטור")

איבערגעזעצט

דורך יצחק ווײַנשטאט

פארלאג
„קולטור־ליגע"
ביאליסטאק.
1920


ביאליס-
טאקער
ראיאן
קולטור
ליגע

# די בינען־מלכּה.

דער פּויער האָט געעפֿנט זיין בינשטאָק.

—נו, קינדערלאך, ארויס!—האָט ער אַ געשריי געטאָן צו די בינען.—די זון שיינט, אומעטום צולאָזן זיך די בלומען, א מחיה צו קוקן! זעט־זשע, קינדער, ארבעט מיט חשק, קלייבט אָן פֿאַר מיר וואס מער האָניק, און, אז ס'וועט קומען דער האַרבסט, וועל איך דעם האָניק אוועקפֿירן צום סוחר. מ'מוז דאָך זען ווי־עס־איז אדורכקומען—די צייט איז א שלעכטע, און דעם פּויערס עסקים זיינען ניט אזוי פֿויגלדיק.

—וואָס גייט אונז אָן דיינע עסקים?!—האָבן אויסגעזשומט די בינען.

פֿונדעסטוועגן, האָט עס לאנג נישט געדויערט און פֿון בינשטאָק איז ארויס א גאנצע מחנה בינען. דעם גאנצן ווינטער זיינען זיי געווען פֿאַרשפּארט, און עס האָט זיך זיי איצט זייער געוואָלט זיך ארויסרייסן א ביסל אויף דער פרישער לופֿט.

מיט אַ רעש און א הודזשעריי זיינען זיי ארויס פון בינשטאָק, פראָבירנדיק די איינגעלעגענע פליי-געלאך. עס איז געוואָרן טומלדיק און פרייליאך ארום. זיי זיינען געקראָכן אויפן בינשטאק ארויף און אראָפּ, זיך צוגעזעצט אויף די שלבנותדיקע בלומען, אדער סתם געקראָכן אויף דער ערד.

דאָ זיינען געווען עטלאכע הונדערט בינען.

לסוף איז ארויס די מלכּה אליין, זי איז געווען גרעסער פון אלע בינען און האָט געקיניגט אי-בערן גאנצן בינשטאָק.

—נו, קינדער, גענוג זיך נאריש געמאכט!— האָט זי אויסגערופן—צו דער ארבעט! גוטע בינען בטלען ניט! צו דער ארבעט, צו דער ארבעט! א שאָד די גאָלדענע צייט!

רעדנדיק אזוי, האט די מלכּה איינגעטיילט די בינען אין 3 באזונדערע אָפּטיילונגען, אָנזאָגנדיק יעדערער באזונדער, וואס זי האָט צו טאָן.

--איר,—האָט זי זיך געווענדעט צו איין אָפּ-

טײלונג—פֿליט שוין און כאפט א קוק צו עס איז שוין דאָ האָניק אין די בלומען. און איר—האָט זי זיך געװענדעט צו דער צװײטער אָפּטײלונג,—פֿליט גיך און קלײַבט צונויף דעם בלומענשטויב. װען איר װעט קומען צוריק, זאָל יעדע פֿון אײַך אָפּגעבן אלץ, װאָס זי האָט געבראכט!

בײדע אָפּטײלונגען זײַנען אװעקגעפֿלויגן. געבליבן איז נאך די דריטע, דאָס רובֿ יונגע בינען, װעלכע האָבן נאך באדארפֿט איצט צום ערשטן מאָל אָנהויבן ארבעטן.

—טאָ װאָס־זשע זאָלן מיר טאָן?—האָבן זײ געפֿרעגט.

—איר?—איר דאַרפֿט שװיצן—האָט געענטפערט די מלכּה—נו, אײנס, צװײ, דרײַ! צו דער ארבעט

—די בינען האָבן אָנגעהויבן שװיצן, אויף װיפֿיל זײ האָבן נאָר געקענט. פֿון זײערע גופֿים־לאַך איז ארויס א גרויסארטיקער געלער װאקס.

—אָט אזוי, גוט—האָט זײ געריזמט די מלכּה—

איצט וועלן מיר אָנהויבן בויען.

ס'זײַנען באַלד צוגעלאָפֿן די אַלטע בינען, האָבן איבערגענומען בײַ די יונגע דעם וואַקס און אָנגעהויבן בויען אַ סך אַ סך קלײנינקע, זעקסקאַנטיקע אַלקערלאַך, וואָס זײַנען געווען זייער ענלעך איינער צום צווייטן און האָבן זיך אײַנגעגרעניצט איינער מיטן אַנדערן. זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן זייער אַרבעט ווי מיט אַ רעש און אַ געפּילדער זײַנען געקומען צוריק אין בינשטאָק די ערשטע צווײ אָפּטײלונגען, באַלאָדן מיט כּל־טוב, מיט האָניק און בלומענשטויב. זיי האָבן אַלץ, וואָס זיי האָבן געבראַכט, איבערגעגעבן דער מלכּה.

—איצט וועלן מיר פֿאַרקנעטן אַ טײַגאַכץ—האָבן זיי געזאָגט—נאָר קודם־כּל לאָמיר דערצו צומישן אַ ביסל האָניק, וועט זײַן געשמאַקער.

זיי האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט התמדה, האָבן לאַנג געקנאָטן די טײַגאַכץ און

געמאכט דערנאך טײַערע האָניקטײַגלאך, װעלכע זײַ האָבן צוגעלײגט אין די אלקערלאך.

—ניט געשלאָפן! בוּט װײַטער!—האָט א קאָמאנדעװע געטאָן די מלכּה. די בינען האָבן װידער אָנגעהויבן שװיצן מיט װאקס און בויען זײער װאונדערלאכן בנין.

—איצט קען איך זיך שוין אויך נעמען צו מײַן ארבעט—האָט געזאָגט די מלכּה און טיף אָפּגעזיפצט. איר ארבעט איז טאקע באמת געװען די שװערסטע אין דעם גאנצן בינשטאָק.

זי האָט זיך באזעצט אינמיטן בינשטאָק און אָנגעהויבן לײגן אײעלאך.

א סך, א סך קופּקעלאך מיט אײעלאך האָט זי אָנגעלײגט. װען זי האָט געענדיקט, זײנען צוגעלאָפן די בינען, האָבן אויפגעכאפּט אין די מײַלעכלאך די אײעלאך און זײ אװעקגעטראָגן אין די נײַ־אײַנגעאָרדנטע דירהלאך—אין די אלקערלאך. יעדע אײעלע האָט באקומען א באזונ־

דער אלקערל. ווען די אייעלאך זיינען שוין געלעגן אויף זייערע ערטער האט די מלכה באפעלן צומאכן צו יעדן אלקערל א טירעלע און אים פעסט פארמאכן.

—אט אזוי, גוט!—האט זי געזאגט, ווען אלץ איז שוין געווען פארטיק—איצט בויט נאך אויף צען שיינע, גרויסע צימערן ביים עק פון בינשטאק. איר באפעל איז באלד אויסגעפירט געווארן. די מלכה האט אנגעלייגט נאך צען שיינע אייעלאך, צו איינע אין יעדן צימער און האט בכבודה ובעצמה פארמאכט ביי זיי די טירעלאך

וואס א טאג פון גאט פלעגן די בינען אוועקפליען און קומען צוריק מיט גאנצע בערג האניק און בלומענשטויב. אינאווענט, ווען די טאגארבעט האט זיך געענדיקט, פלעגן די בינען אונטערהויבן אביסל די טירעלאך פון די אלקעלאך און כאפן א קוק אויף די אייעלאך.

—נו, איצט וואלט איר קוקן מיט ביידע אויגן

—האָט אײנמאל אַ זאָג געטאָן די מלכה—ס'איז שוין די רעכטע צײַט.

און פּלוצלונג האָבן מיט א מאָל געפּלאַצט אלע אײעלאך. אין יעדן אלקערל איז איצט געלעגן אַ שײנינקער, קלײנינקער ווערימל.

—וואָס זײַנען דאָס פאר א יונגאטשלאך?—האָבן געפרעגט די יונגע בינען—זיי האָבן דאָך גאָר קײן אויגן נישט! און וואו זײַנען זייערע פּיסלאך און פליגעלאך?

—דאָס זײַנען שלײערלאך—האָט געזאָגט די מלכה—איר אלײן זײַט א מאָל אויך געווען אזוינע יונגאטשלאך. מיר אלע, אײדער מיר ווערן בינען, זײַנען מיר שלײערלאך. נו, וואָס-זשע שטייט איר און קוקט אָן? גיט זיי עפּעס אין מויל אַרײַן!

די בינען האָבן איצט באדארפט א סך אַרבעטן, כדי אָנצוקארמענען די קלײנע שלײערלאך. ניט אלע פלעגן באקומען דיזעלבע קעסט. די

10 יחסנטעס, וועלכע זיינען געלעגן אין די גרויסע צימערן, פלעגן קריגן אזוי פיל עסן, וויפיל זייער הארץ האט נאר געגלוסט; חוצדעם פלעגט מען זיי נאך יעדן טאג ברייננגען אין צימער אריין א גרויסן חלק האניק.

—דאס זיינען בת-מלכות—האט געזאגט די מלכה—דעריבער דארפט איר זיי זען גוט באהאנדלען. די איבעריקע קענט איר געבן ווייניקער עסן; ס'וועט זיי גארניט שאדן, דאס זיינען פשוטע ארבעטער. זיי דארפן זיך צוגעוויינען זיין צופרידן מיט דעם, וואס מ'גיט זיי.

און די ארימע עופעלאך נעבאך פלעגן טאקע קריגן יעדן אינדערפרי א שטיקל טרוקן בינענברויט און מער גארניט. זיי פלעגן זיך דערמיט מוזן באנוגענען, ווי הונגעריק זיי זאלן ניט זיין.

אין איינעם פון די זעקסקאנטיקע אלקערלאך, ריכטיק לעם די צימערן פון די בת-מלכות, איז געלעגן א קליין שלייערל. ער איז געווען דער

אינגסטער פון אלע און האט ערשט נים לאנג זיך סך הכל אויסגעפיקט פון זיין אייעלע. גע־זען האט ער נאך גארנים, נאר ער האט דיים־לאך געהערט אלץ, וואס די דערוואקסענע בינען פלענן פלוידערן צווישן זיך, ווען זיי פלעגן שטיין גאנט לעם אים. ער פלענט זיך אבער מאכן, ווי ער הערט גארנים און איז זיך געלעגן שא־שטיל, ווי א מייזעלע, און אלץ געקלערט פאר זיך...

— איך וואלט עפעס געוואלט א קיי טאן— האט ער געזאגט, אנקלאפנדיק אין טירל.

— האסט שוין היינט געהאט גענוג!—האט אים געענטפערט אן אלטע בין, וואס איז גע־קראכן א הער און א הין לעם קעמערל. דאס איז געווען די ניאנקע פון די שלייערלאך.

— אבער איך שטארב עסן!—האט אויסגע־רופן דער קליינער שלייערל,—חוצדעם וואלט איך געוואלט זיך ארובערקלייבן דארטן, אינם

צימער פון דער בת-מלכה; דאָ איז מיר צו איינג.

—וואָס זאָגט איר צו אים! אַן השגה פון אַ קליין וועווריקל!—האָט מיט חוזק אויסגערופן די אַלטע בין.—האָט איר געהערט אַ ביסל! עס געפעלט אים ניט די דירה און די קעסט! איר מיינט ער קען נאך טאקע מיינען, אז דאָס איז אַ בת מלכה. דו דארפסט לעבן, ווי מ'הייסט דיר, נחתל מיינער!, דו ביזט, דארפסטו וויסן, ניט מער ווי א פשוטער בשר ודם. אַ בין—אַן ארבע-טער. אזא ביזטו געבוירן געוואָרן און אזא וועסטו שטארבן!

—איך וויל אָבער ווערן א מלכה!—האָט אויסגערופן דער שלייערל און האָט אָנגעהויבן מיט אַלע כחות צו רודערן אין טיר.

אויף אזעלכע נארישע רייד האָט די אלטע בין ניט געפונען פאר נויטיק אפילו צו ענטפערן און איז אוועק ווייטער, צו די אנדערע שלייער-לאך. נאָר אומעטום איז געווען די זעלבע מעשה,

מ׳האט רק געבעטן עסן. דער קליינינקער שלי־ ערל האט דאס אלץ צוגעהערט.

—אזוינס איז נאך ניט געהערט געוואָרן— האט ער גערעדט צו זיך אליין—מ׳מאָרעט אונז פשוט מיט הונגער.

לסוף האט ער באשלאסן אנקלאפן צו דער שכנה, דער בת־מלכה, און האט אויסגע־ שריען:

—גיב מיר א ביסל פון דיינע האניק! וועסט מיר אפשר דערלויבן זיך אריבערקלייבן צו דיר אין צימער? א ניט קומט מיר אוים פשוט אויס־ גיין פון הונגער. מיט וואס בין איך ערגער פון דיר?

—וואַרט נאָר דו, עזות־פנים איינער!—האט זיך צוכעסעוועט די בת־מלכה—ווי איך ווער נאָר מלכה, וועל איך דיר שוין באצאָלן פאר דיין העזה, מעגסט זיך שוין ריכטן!..

זי האט נאך ניט באוויזן צו ענדיקן די לעצטע

ווערטער, און די אלע איבעריקע בת-מלכות האבן אויפגעהויבן א געוואלדיקן געפילדער.

—דו וועסט ניט זיין קיין מלכה!—האבן זיי געשריען מיט שוים אויף די ליפן—ניין, איכ׳ל דאס ניט דערלאזן! די מלכה וועל איך זיין!...

—ניין! איך!—האט איר איבערגעשריען די צווייטע.

—ניין, איך, איך!—האט איבערגעשריען איי־נע דער אנדערער און האבן געקלאפט מיט אלע כחות אין די טירן.

ס׳איז אנטשטאנען א מוראדיקער טומל. אין איין אטעם איז געקומען צולויפן די אלטע ניאנקע.

—וואס ווינשן די גנעדיקע פרינצעסינס?—האט זי געפרעגט פארניינגנדיק זיך און בוקנדיק זיך טויזנטער מאל.

—נאך האניק!—האבן אויסגעשריען אלע אין איין קול.—נאר מיר דער ערשטער!

—גיין מיר!

—מיר, מיר, מיר!

—אָטאָ שוין, אָטאָ שוין! אט די מינוטקעלע!

גנעדיקע פריצטעם—האָט געענטפערט די ניאנ-קע, און איז,העגדום-פּעגדום, אויף וויפיל ס׳האָבן איר נאר געטראָגן אירע זעקם אַלטע פיס, אַוועק-געלאָפן נאָך האָניק.

ס׳האָט ניט לאנג געדויערט, און די אלטע איז געקומען צוריק מיט נאָך עטלאכענע בינען. זיי האָבן געשלעפּט מיט זיך א סך האָניק, מיט וועלכן זיי האָבן אָנגעהויבן צו שבאָפן די אומ-צופרידענע בת-מלכּות. ביסלאכוויז האָבן זיי זיך באַרואיקט און איינגעשלאָפן.

נאָר דעם קליינעם שלייערל האָט קיין שלאָף ניט גענומען. ער האָט אלץ געקלערט און גע-קלערט... ער האט געחלשט עסן און האָט גע-האלטן רק אין איין קלאפּן אין טיר.

—האָניק! האָניק גיב מיר! כ׳קען שוין מער

ניִט אויסהאלטן! כ׳בּין ניִט ערגער פֿון זיי!

—שטיִל, דו קליינער קוויִטשער!—האָט אויף איר אָנגעשריִען די אַלטע בין—שא, אָט גייט די מלכּה!

און באמת. באַלד איז צוגעקומען אַהער די מלכּה.

—גייט אלע אוועק פון דאַנען!—האָט זי געזאָגט צו די בּינען—איך וויל בּלייבּן אליין.

לאַנג, לאַנג איז דאָ געשטאַנען די מלכּה לעבן די ציִמערן פֿון די בּת־מלכּות און געשוויגן.

—אָט דאָ ליגן זיי און שלאָפֿן—האָט זי לסוף געזאָגט צו זיך אַליין. — יע, עסן און שלאָפן, שלאָפן און עסן—דאָס קענען זיי פֿון איִנדערפֿרי בּיז איִנאָוונט. מיִט יעדן טאָג ווערן זיי אַלץ גרעסער און גרעבּער. שוין, ניט לאַנג, נאָך אַ 2—3 טעג, און זיי וועלן איִנגאנצן אויסוואַקסן און אַרויסקריכן אויף דער פֿרייהייט... און דערנאָך? אָ, דאַמאָלסט איז אַ סוף צו מיין הערשאַפֿט!

איך ווייס עס זייער גוט! כ'האָב צוגעהערט, ווי די בינען האָבן זיך שוין געשושקעט צווישן זיך, אַז זיי וואָלטן וועלן האָבן אין אינגערן און אַ שענערע מלכּה. און אָט וועל איך מיך דערוואַרטן, אַז, אויף דער עלטער, וועט מען מיך נאָר אַרויסיאָגן פֿון דאַנען און מיך מאַכן צו חוזק און געלעכטער... נאָר ניין! איך'ל דערצו ניט דערלאָזן! מאָרגן דערהרגע איך זיי אַלע, אַלע 10, עס זאָל פֿון זיי קיין שריד ופּליט ניט בלייבן! און אַזוי וועל איך קענען בלייבן זיצן אויף מיין קיניגלאַכן טראָן ביז מיין טויט.

און זי איז אַוועק אַן אַנטשלאָסענע און זיבערע.

נאָר דער קליינער שלייערל האָט עס אַלצדינג צוגעהערט.

— אָ, אָי! — האָט ער זיך געטראַכט — אַ מיאוסער עסק! ס'האַלט שמאָל מיט אונזערע בת־מלכּות. אין פֿלוג זיינען זיי אפֿילו

ווערט דעם שטעקן, זיי האלטן זיך שוין צופיל פאררייסן און היינט נאך האבן זיי זיך מיט מיר אזוי גראָב באַגאַנגען, נאָר דאָס איז שוין צופיל. אַ רחמנות, אויב די אַלטע מלכה וועט זיי טאַקע דערהרגענען. מ'דאַרף דאָס דערציילן דער אַל-טער...

און ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן אין טיר. ס'איז צוגעלאָפן די אַלטע. דעם מאָל איז זי שוין געווען באמת אין כעס.

— באַרעכן זיך נאָר, דו קליין ווערעריקל, וואָס דו ביזט! דו ביזט דער קלענסטער אין גאַנצן בינשטאָק און מאַכסט דעם גרעסטן רעש. זאָלסט געדיינקען, אויב דו וועסט נאָך אַ מאָל מאַכן גערודערם, וועל איך דיר...

— הער בעסער אויס, וואָס איך וועל דיר דערציילן — האָט איר איבערגעשלאָגן דער שליי-ערל, און האָט דערציילט פאר דער אַלטער ,וואָס די מלכה האָט פארטראַכט.

—ניט שוין=זשע, ליבינקע, איז עס אמת ?—
האט אויסגערופן די אלטע בין און האט פאר
גרויס שרעק אנגעהויבן קלאפן מיט די פליגלען.
און, ניט אויסהערנדיק, וואס דער שלייערל וועט
איר ווייטער דערציילן, איז זי אוועקגעלאפן צו
די איבריקע בינען זיי איבערגעבן די שרעקלא=
בע נייס.

—כ'מיין, אז איך האב היינט פארדינט א
ביסל האניק—האט געזאגט דער שלייערל.—לכל
הפחות—האט ער צוגעגעבן, באמערקנדיק, אז
קיינער הערט אים ניט—קען איך זיך כאטש
איצט לייגן שלאפן מיט א ריינער נשמה.

אויף מארגן אינאווינט, ווען די בינען האבן
זיך שוין געהאט געלייגט שלאפן, איז די מלכה
ווידער געקומען אהער, כדי אויספירן איר געב=
טיקן באשלוס. דער שלייערל האט געהערט, ווי
זי האט גערעדט צו זיך אליין, נאר ער האט
מורא געהאט פאר דער בייזער מלכה און האט

זיך ניט געריהרט פון אָרט.

—אַי, זאָל זי כאָטש ניט הרגענען די בת־מלכות—האָט ער זיך געטראַכט און זיך צוגע־רוקט אַ ביסעלע נעענטער און נעענטער צום טירל, כדי זיך קענען בעסער צוהערן צו אַלץ, וואָס עס קומט פאָר.

די מלכה האָט אָנגעהויבן זיך פאַרזוכן אין ארומקוקן אַרום זיך...

פּלוצלונג, זיינען פון ארום און ארום אָנגע־פלויגן בינען, האָבן געבונדן דער מלכה די פיס און די פליגלען און איר אָנגעהויבן שלעפּן צום אַרויסגאַנג פון בינשטאָק.

—וואָ-אָס?—האָט זי אויסגעשריען מיט איר קול—אַ בונט?!.

—ניין, גנעדיקע מלכה—האָבן מיט אַמאָל אָפּגעענטפערט די בינען—נאָר מיר ווייסן, אַז איר האָט פאַרקלערט הרגענען די בת־מלכות און דאָס קענען מיר בשום אופן ניט דערלאָזן.

זאָגט איר אַליין, וואָס וועט זיין מיט אונז, ווען איר, גנעדיקע מלכּה, וועט אין הארבסט שטארבן?

—לאָזט מיך אָפּ!—האָט מיט בּעס אויסגע־רופן די מלכּה, רייסנדיק זיך פון זייערע הענט.—לעת־עתּה בּין איך נאָך מלכּה, און קען טאָן און באַפעלן, וואָס איך וויל. און פון וואַנען ווידער איז געדרונגען, אַז איך וועל אין האַרבסט שטארבן?

נאָר די בּינען האָבן איר געהאלטן פעסט און נישט אָפּגעלאָזט. לסוף האָבן זיי איר ארויסגע־שלעפט פון בּינשטאָק. דאָ האָבן זיי איר בּא־פרייט. נאר די מלכּה האט מיט בּעס א קלאפּ געטאן מיט די פליגלען און אויסגערופן:

—איר זיינט בּונטאָװשטשיקעס און נישט ווערט מיך צו האָבן פאר אַ מלכּה! איך וויל דאָ מער מיט אייך קיין מינוט נישט בלייבן! איך פלי אוועק פון אייך און וועל מיר גרינדן א נייע מלוכה. ווער איז מיט מיר?

נאָר עֶטלאכעֶנעֶ אלטעֶ בּינעֶן, וועֶלכעֶ זײַנעֶן אמאָל נאָך צוזאמעֶן מיט דעֶר מלכּה געֶהאט געֶוועֶן שלייעֶרלעֶך, האָבּן געֶוואלט, מיטגײַן מיט דעֶר אלטעֶר מלכּה, און זײַנעֶן מיט איר אוועֶקגעֶפלויגן.

— איצט זײַנעֶן מיר געֶבּליבּן נאָר אָן א מלכּה,—האָבּן געֶזאָגט די איבּעֶרגעֶבּליבּעֶנעֶ בּינעֶן.—מיר מוזן איצט זעֶן מיט אלעֶ כּחות, נאָך בּעֶסעֶר ווי שטעֶנדיק, קארמעֶנעֶן די בּת-מלכּות.

און זיי האָבּן אָנגעֶהויבּן שטאפּן די בּת-מלכּות מיט כּל טוב. די בּת-מלכּות זײַנעֶן געֶוואקסן ניט פון טאג, נאר פון שעה, האבּן זיך אויסגעֶצייכנט-גוט אנטוויקלט און, וואס עֶלטעֶר זיי פלעֶגן וועֶרן, פלעֶגן זיי אויך וועֶרן אַלץ עזותדיקעֶר און בּייזעֶר זיי פלעֶגן אן אַן אויפהעֶר זיך זידלעֶן איינעֶר מיט דעֶר אַנדעֶרעֶר. דעֶם קלײנעֶם שלײעֶרל האבּן אַלעֶ פארגעֶסן.

איינמאל, אינדעֶרפרי, האבּן זיך אַלעֶ

10 צימערן פון די בת-מלכות מיט רעש ברייט פאנאנדערגעעפנט, און ס'זיינען ארויס פון דארטן 10 גרויסע, שיינע מלכות. אלע בינען זיינען זיך צוזאמענגעלאפן אויף איין ארט און מיט אנט-ציקונג זיי באטראכט.

— ווי וואונדערשיין זיי זיינען—האט איינע איבערגעגעבן דער אנדערער די פרייליכע בשורה—שווער צו זאגן, ווער פון זיי איז די שענסטע.

נאר די מלכות האבן זיך אליין ארויסגערופן צו אנטשיידן אט די הארבע פאר די בינען קשיא.

— איך! — האט מיט גאוה אויסגעשריען איינע.

— א טעות נאר—האט מיט גאל זיך באלד אפגערופן די צווייטע און האט איר אריינגע-שטאכן איר גיפט.

זעט נאר, ווי זיי מאכן דאס די מינע!—האט אויסגערופן א דריטע.— מיר דוכט, אז איך בין

אַ שפּאר ביסל שענער פאר אייך ביידן.

יעדע פון די איבעריקע מלכות האט אויך אנגעהויבן זיך צו לויבן, ס'איז דערגאנגען צו אַ געשלעג, אבער אַ געשלעג אויף לעבן און טויט די בינען האבן זיי געוואלט צונעמען, נאר דא האט זיך אַריינגעמישט די אַלטע ניאנקע:

— לאזט זיי—האט זי געזאגט.—זאלן זיי זיך שלאגן, און מירן זען, ווער פון זיי איז די שטארקסטע, און דער וועלן מיר אויסקלייבן פאר אונזערער א מלכה. סיי ווי דארפן מיר דאך מער, ווי איינע, ניט האבן.

די בינען האבן אַרומגערינגלט די קעמפנדע מלכות און געווען טשיקאווע צו זען, וועלכע פון די 10 וועט גובר זיין. ס'האט זיך צופלאקערט אַ לאַנגער און בלוטיקער קאמף. ס'זיינען געפלוינן שטיקלאך פליגעלאך און האלבע פיסלאך. 8 מלכות זיינען שוין געלעגן טויט אויף דער ערד. די 2 איבערגעבליבענע האבן נאך אומרחמנותדיק

געקעמפט איינע מיט צווייטער. ביידע זיינען זיי שוין געווען אזוי צעממיטט, אַז ס'איז געווען אַ ביטערער צער אויף זיי צו קוקן: ביי איינער זיינען געווען צוגריזשעט די פליגעלאַך, די צווייטע האט געהינקט אויף 4 פיסלאך.

— מירן דאָ שוין כאַפּן אַ ריכטיקע מציאה! — האט אַ זאָג געטאָן אַ בין — די קאליקע אָדער די אַנדערע, וואס איז שוין די נפקא־מינא. כ'מיין אַז אַ שיין ביסל גלייכער וואלט געווען, ווען מיר בלייבן מיט דער אַלטער מלכה.

די בין האט נאך ניט באוויזן צו ענדיקן די לעצטע ווערטער, ווי די ביידע מלכות האבן זיך איינגעגעסן איינע אין דער צווייטער מיט זייערע גיפטן אַזוי שטארק, אַז ביידע זיינען געפאלן טויט אויפן ארט.

— אָט האָסטו דיר! — האָבן אין שרעק אויס־גערופן די בינען, טומלענדיק און שפרינגענדיק

איינע אַנטקעגן דער אַנדערער—איצט זיינען מיר געבליבן נאָר אָן אַ מלכּה. וואָס טוט מען? וואָס מאַכט מען? ווי גיט מען זיך איצט אַן עצה?

פאַריאושטע און צושטרויטע זיינען די בינען ארומגעפלויגן אַהער און אַהין איבערן בינשטאָק, געזשומעט, געקלאַפּט מיט די פליגעלאַך און רק געשריען:

— וואָס וועט איצט זיין מיט אונז?.. וואָס טוט מען?.. וואָס מאַכט מען?..

די עלטערע און קליגערע בינען האָבן זיך צונויפגעקליבן אין אַ ווינקעלע אויף אַ ישוב הדעת לאַנג, לאַנג האָבן זיי באַהאַנדלט די פראַגע פון אלע זייטן, וואָס האָבן זיי איצט פאַרצונעמען, ווי גיט מען זיך אין אזאַ טרויעריקן פאַל אַן עצה. לסוף האָט געבעטן דאָס וואָרט די אַלטע, ניאַנקע.

— איך וועל אייך אויסלערנען, ווי מ'גיט זיך אין אַזעלכע פאַלן אַן עצה, הערט אויס מיט קאָפּ, וואָס איך וועל אייך זאָגן. איך געדענק, אַז גע-

נוי אזא אומגליק האט שוין געהאט געטראָפֿן דאָ, בײַ אונז אין בינשטאק. דאס איז שוין געווען לאנג־לאנג, ווען איך בין נאך געווען אַ שלײַערל. איך געדענק עס, ווי הײַנט. איך האָב מיך געלעגן רואיק אין מײַן אַלקערל און געווארט אַז ניט הײַנט־מארגן וועל איך שוין אַ בין מיט אלע גלײַך... פּלוצלונג איז געהאט געוואָרן אַ גרויסער טומל אין בינשטאק, ווי ס׳האט זיך דערנאך ארויסגעוויזן, איז דאמאלסט געהאט געשען פּונקט דאסזעלבע, וואס הײַנט: די בת־מלכּות זײַנען אומגעקומען אין זײַער שוועסטער־קאמף, און די אלטע מלכּה איז אויך געהאט אוועקגעפֿלויגן. ווײסט איר וואס מ׳האט געטאן? מ׳האט אויס־געקליבן אײנעם פֿון אונז, שלײַערלאך, אים ארײַנ־געלײגט אין א צימער פֿון אַ בת־מלכּה, אים יעדן טאג געגעבן פֿון דאס שענסטע און בעסטע, אים געקעכלט און אפּגעהיט, ווי די אויג אין קאפּ. און וואס קלערט איר, גאט האט געהאָלפֿן, דער שלײַערל איז מיט מזל אויסגעוואקסן און

איז געוואָרן אַן אמתע-מלכּה. איך געדענק עס פּונקט, ווי היינט, וואלט עס געשען. ניט איין מאָל פלעגט מיר שפּעטער דורכלויפן דער רעיון, אַז, בעת די בינען האבן אויסגעקליבן א שליעֶרל, האט דער גורל געקעגט אויך פאלן אויף מיר, ווי ער איז געפאלן אויף אן אנדער שליעֶרל. נאר, מילא, מן הסתם איז דאך אזוי באשערט! איך לייג, על כּן, אייך פאר אויך אזוי טאן.

די בינען האבן זיך פריילאך צוזשומעט, וואס האט באטייט, אז זיי זיינען איינגאַנצן מסכּים מיט דער עצה פון דער ניאנקע. זיי האבן זיך אלע א הויב געטאן פון זייערע ערטער און אוועק אויסקלייבן א שליעֶרל.

— ווארט נאר אויס א ווייַלע!—האט אויסגעַ- רופן די אלטע ניאנקע—נעמט מיר אויך מיט. איך וועל אייך אויך דא קענען ברענגען א נוצן. זעט איר, מ׳דארף ניט אויסקלייבן אבי וועמען, מ׳דארף זען, אז דער שליעֶרל, וועלכן איר וועט אויסקלייבן צו זיין א מלכּה, דארף זיין גענוג

יונג, און, איכ׳ל זאגן, טאקע דער אינגסטער. דאס דארף זײן פשוט צוליב דעם, כדי צו געבן אים גענוג צײט אויף צום באקלערן זיך און זיך צופאסטן צום נײעם מצב. אַ בן, דאַרפט איר װיסן, װעלכע מ׳האט דערצויגן לכתחילה, װי אַ פשוטע אַרבעטארערן, גיט זיך ניט אַזוי גרינג אײן זיך צוגעװאוינען טראגן די קרוין.

די בינען איז אויך אט דער פאָרלײג געפעלן געװארן.

די אַלטע האט װײטער גערעדט:

— סאַמע בײ די צימערן פון די בת-מלכות ליגט אַ קלײנטשיק שלײערל. ער איז דער אינגסטער אינם גאנצן בינשטאק. אויב איך האב קײן טעות ניט, האט די שכנות זײנע מיט די אײדעלע בת-מלכות געהאט אויף אים אַ געװיסע װירקונג; ער האט פון זײ אַ סך געלערנט. חוצדעם האב איך נאך באמערקט, אַז ער האט אַ שטארקן װילן. און—דער עיקר—דאס דאַרפט איר ניט פאַרגעסן, מײנע טײערע, אַז ער, ער איז עם גע-

וועָן דעָר, וואס האט פאר אונז אנטפלעָקט די בייזע כונות פון דער אלטער מלכּה. איצט איז על-כּן געקומען די צייט אים מכּיר-טובה זיין און אים אויסקלייבן פאַר אַ מלכּה.

די בינען, צעיאַמערט פון גרויס שמחה האבן זיך אַ לאז געטאן אַלע צום איינגן אַלקערל, וואו ס'איז געהאַט געלעגן דער קליינער שלייערל. די אַלטע ניאַניע איז צוגעגאנגען די ערשטע, האט מיט דרך-אר'ץ אנגעקלאפּט אין טירל, איר פארזיכטיק אויפגעעפנט און איבערגעגעבן דעם שלייערל דעם באַשלום פון די בינען. דער שלייערל האט לכתחילה ניט געוואלט גלויבן זיינע אויערן, נאר אַז ער דאט זיך דערפילט אין איינעם פון די שענסטע צימערן און האט פאַרזוכט דעם ערשטן חלק האניק, וואס ס'האט אים איינגעטיילט פון דער פולער האנט, האט ער אנגעהויבן גלויבן, אַז ס'איז אמת.

— אַזוי, הייסט עס, אז איך ווער טאקע מלכּה, —האט ער געזאגט צו דער אַלטער ניאַניע—דו

וועסט שוין, אַלטע מרשעת, ביי מיר קיין האָניק ניט לעקן! איך וועל דיר אפּצאָלן פֿאַר אַלץ. ווי דו ביזט ווערט.

— איך וויל האָפֿן, אַז די גנעדיקע מלכּה וועט אויף מיר קיין פֿאַראיבּל ניט האָבּן פֿאַר די אומפּאַסיקע באַמערקונגען, וועלכע איך האָבּ איר געהאַט געמאַכט, בעת זי איז נאָך געלעגן דאָרטן... איך האָבּ נאָר דערפֿילט מיין פליכט...

—האָט געזאָגט די אַלטע בין און האָט זיך שיף פֿאַרנייגט.

— נו-נו, איך שענק דיר!—האָט געענטפֿערט די ניי-געבאַקענע בת-מלכּה—ברענג נאָך האָניק!..

דער שלייערל איז איינגיכן געוואָרן אַ בין און איז אַרויס פֿון זיין צימער. נאָר איז געווען שיין און גרויס, ווי ס'פּאַסט פֿאַר אַ מלכּה, און די בינען זיינען געווען העכסט צופֿרידן.

שיין איז געווען צוצוקוקן, ווי די נייע מלכּה פֿלעגט קאָמאַנדעווען:

— צו דער אַרבעט! — פלעגט זי באַפעלן, — ס'גייט צו ווינטער און מ'דאַרף האָבן מער האָניק, חוצדעם, וועט איר נאך מיר דאַרפן אנשווייצן מער וואַקס. איך רעכן, אַז מיר מוזן צובויען אַן אויבערשטייבל פאַר די קומענדיקע בת-מלכות, ווייל זיי וועט געוויס ניט זיין אנגענעם צו ליגן צוזאַמען און אַזוי נאָנט לעם פשוטע בינען...

— נו-נו! אַ מלכה האָבן מיר! — פלעגן זאָגן די בינען. — מ'קען מיינען, העכנדיק איר ריידנדיק, אַז זי איז נאך געווען אַ מלכה ביי דער מאַמען אין בויך...

— ניין, — האט דערקלערט די אַלטע ניאַניע — זי האט נאָר געהאַט אַ נשמה פון אַ מלכה, און דאָס איז דאָך דער עיקר!...